בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי

תשע"ט

היכל הקודש

## הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
## אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ שֶׁעצְט נִישְׁט מַיין שְׁוֶועֶרע אַרְבֶּעט?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָּבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, עֶס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ כֹּחַ צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אַרְבֶּעט צְוֶועלְף שָׁעָה אַ טָאג, זֶעכְצִיג שָׁעָה אַ וָואךְ, צוּ קֶענֶען אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אוּן אוֹיסֶער דֶעם פְּרוּבִּיר אִיךְ אוֹיךְ צוּ הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מִיט אַלֶעס אַרוּם, מֶער פוּן וִויפִיל אִיךְ קֶען.

לְמַעֲשֶׂה שְׁפִּיר אִיךְ אָבֶּער וִוי אִיךְ בַּאקוּם צוּרִיק בְּלוֹיז אַ שְׁטוֹיס פוּן מַיין וַוייבּ, וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין?

יְיַשֵׁר כֹּחַ, יַעֲקֹב

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ח׳ אִיָּר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן לְכָּבוֹד יַעֲקֹב נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז** (יְבָמוֹת סג.) **אוֹיפְן פָּסוּק** (בְּרֵאשִׁית ב, יח): **״אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ״, ׳זָכָה׳ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ זוֹכֶה – ׳עוֹזַרְתּוֹ׳, קְרִיגְט עֶר אַ הֶעלְפֶּער, ׳לֹא זָכָה׳ אִיז עֶר נִישְׁט זוֹכֶה – ׳כְּנֶגְדּוֹ׳, קְרִיגְט עֶר אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט**

פַארְקֶערְט פוּן אִים; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם מַאן, אוֹיבּ דֶער מַאן טוּט תְּשׁוּבָה אִיז עֶר זוֹכֶה אַז דִי וַוייבּ הֶעלְפְט אִים, זִי וֶוערְט אִים אַן 'עוֹזֶרֶת', אָבֶּער אַז מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה דֶעמָאלְט אִיז זִי אַנְטְקֶעגְן אִים (ווִי דוּ רוּפְסְט דָאס - כַאפְּט מֶען מֶען פוּנֶעם וַוייבּ אַ שְׁטוֹיס), וַוייל זִי אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִיר, אַ בֵּיין פוּן דַיינֶע בֵּיינֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט 'בְּמַחְשָׁבָה' וֶועט עֶר לַיידְן יְסוּרִים פוּן זַיינֶע קִינְדֶער; אוֹיבּ זִינְדִיגְט עֶר 'בְּדִיבּוּר', עֶר רֶעדְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט דֶעמָאלְט וֶועט עֶר לַיידְן פוּן זַיין וַוייבּ, אוּן אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט 'בְּמַעֲשֶׂה', דֶעמָאלְט לַיידְט מֶען פוּן מֶענְטְשְׁן. דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר לַיידְט פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, פוּן זַיין וַוייבּ אוּן פוּן מֶענְטְשְׁן, דַארְף עֶר גְלַייךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט בְּמַחְשָׁבָה, דִיבּוּר וּמַעֲשֶׂה, דוּרְכְדֶעם וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן אִים אַלֶע צָרוֹת אוּן עֶר וֶועט מֶער נִישְׁט לַיידְן קַיין יְסוּרִים.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ מִיט וָואס עֶס פֶעלְט אוֹיס. אֲפִילוּ עֶס קוּמְט דִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער וַוייל דַיין וַוייבּ אַנֶערְקֶענְט נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט, דָאךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער הֶעלְפְן. דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא זָאגְט (אָבוֹת ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא", לוֹיט ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז אַזוֹיפִיל שְׂכַר בַּאקוּמְט מֶען; זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֶנְטְפֶערְן אוּן פוּן זִיךְ קְרִיגְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי דִיר, דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

הָאבּ סַבְלָנוּת אוּן פִיר זִיךְ וַוייטֶער צוּ אִיר מִיט לִיבְשַׁאפְט, אֲפִילוּ זִי אִיז דִיר מְצַעֵר. קוּק ווִי אַזוֹי אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט מִיט זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָּיא הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּבּ, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רֶבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְּבֵיתְהוּ", רַבּ חִיָּיא'ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין, מִיט דֶעם אַלֶעם: "כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידֵי", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ, "צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ, וּמַיְיתֵי נִיהֲלַהּ", פְלֶעגְט עֶר דָאס אַהֵיים

בְּרֶענְגֶען פַּאר אִיר. וֶוען רַב הָאט גֶעזֶען וִוי זַיין רֶבִּי טְרָאגְט אַהֵיים שֵׁיינֶע זַאכְן פַאר זַיין וַוייבּ הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אִיר גוּטֶע זַאכְן, זִי אִיז דָאךְ מְצַעֵר דֶעם רֶבִּי'ן?!" הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַּיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי רַאטֶעוֶועט מִיר פוּן עֲבֵירוֹת אוּן זִי צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן אוּן עֶס זָאל זַיין בַּיי דִיר נָאר שָׁלוֹם.

...

~~~~~~~~~~

### וָואס טוּט מֶען מִיט אַ בָּחוּר וָואס הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט?

#### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע שֵׁיינֶע חִיזּוּק בְּרִיוו אוּן דְרָשׁוֹת וָואס אִיר גֶעבְּט אוּנְז, עֶס גִיבְּט אוּנְז אַסַאךְ עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה.

מִיר ווִילְן זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן וְויאַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט אוּנְזֶער בָּחוּר, וָואס אִיז יֶעצְט אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן יְשִׁיבָה אִין אוֹיסְלַאנְד, אוּן מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וְויאַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט אִים. מִיר וֶועלְן אַרָאפּ לֵייגְן בְּעֶרֶךְ ווִיאַזוֹי זַיין טָאג זֶעט אוֹיס, אוּן וָואס עֶס גֶעשֶׁעט דֶערְפוּן. עֶר פַארְבְּרֶענְגְט אִין דִי נַאכְט אַרַיין בִּיז גָאר שְׁפֶּעט, אוּן דֶערְנָאךְ שְׁטֵייט עֶר אוֹיף קוֹים אַמָאל כַאפְּט עֶר שַׁחֲרִית צוּ חֲצוֹת, אוּן דִי גַאנְצֶע אַטְמָאסְפֶער וֶוערְט זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן, עֶס אִיז דָא גָאר אַסַאךְ אַרְבֶּעט אִין שְׁטוּב וָואס עֶר קֶען וֶוען הֶעלְפְן, אָבֶּער דָא לִיגְט אַ בָּחוּר אוּן שְׁלָאפְט אִין דִי טָאג אַרַיין, אוּן עֶס מַאכְט דִי גַאנְצֶע אַטְמָאסְפֶער גֶעפֶערְלִיךְ שְׁוֶוער, הַיינְט הָאבְּן מִיר אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶס וֶועט וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין, וֶועט מֶען אִים מוּזְן זוּכְן אַ הוֹיז בַּיי אַ זֵיידֶע אָדֶער אַ פֶעטֶער וואוּ עֶר וֶועט קֶענֶען שְׁלָאפְן בֵּין הַזְּמַנִּים, ווַייל בַּיי אוּנְז קֶען עֶס נִישְׁט וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין.
~~~~~~~~~~

מִיר דאַרְפְן חִיזוּק וויאַזוֹי און וָואס מִיר דאַרְפְן דָא טוּן. און בִּכְלָל אִיז זַיין אוֹיפְפִירוּנְג זַייעֶר אַנְטוֹישֶׁענְד, עֶר פִּירְט זִיךְ צוּ אוּנְז מִיט גֶעפֶערְלִיכֶע חוּצְפָּה, עֶר שְׁרַייט צוּרִיק, און טוּט וָואס אִים גֶעפֶעלְט נָאר, אָן דֶעם וָואס עֶר זָאל זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט אוּנְז. אִין אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זֶענֶען אַלֶע אַרוּמִיגֶע שׁוּלְדִיג, עֶר וֶועט קַיינְמָאל נִישְׁט נֶעמֶען דִי שׁוּלְד אוֹיף זִיךְ, און פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְרֶעכְטְן. בִּכְלָל אִיז עֶר זַייעֶר פַארְמַאכְט, מִיר קֶענֶען זִיךְ מִיט אִים נִישְׁט דוּרְכְרֶעדְן, וֶוען מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, וֶועט עֶר פָּשׁוּט בְּלַייבְּן שְׁטִיל, אָדֶער נָאךְ גָאר זִיךְ נֶעמֶען שְׁרַייעֶן אוּן בַּאשׁוּלְדִיגְן. מִיר זֶענֶען פָּשׁוּט בַּאזָארְגְט וויאַזוֹי עֶר וֶועט קֶענֶען לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה. וָואס קֶענֶען מִיר טוּן? אֶפְשָׁר קֶען אוּנְז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הֶעלְפְן?

זַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֵיין זַאךְ זָאלְסְטוּ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין דִיר: ״אִין לֶעבְּן דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, בִּפְרָט מִיט קִינְדֶער״; מֶען דַארְף הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוְון מִיט דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן דִי גֶעדוּלְד צוּ זֵיי. עֶס נֶעמְט אַסַאךְ צַייט בִּיז מֶען שְׁנַיידְט דִי פֵּירוֹת פוּן דִי קִינְדֶער, און אַז מֶען הָאט סַבְלָנוּת צוּ זֵיי שְׁנַיידְט מֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת מֶען הָאט אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי.

אִיךְ מוּז דִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל מוּסָר כְּדַאי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פַארְלִירְן דַיין בָּחוּר.

מִיט אַלֶע דַיינֶע גֶערֶעכְטֶע טַעֲנוֹת וָואס דוּ הָאסְט אוֹיף אִים, דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ קִינְד. אוֹיבּ אַ קִינְד שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט זָאגְט מֶען אִים נִישְׁט: ״גֵיי זוּךְ דִיר אַ צְוֶוייטֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ שְׁלָאפְן״; אַז דַיין בָּחוּר שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג בִּיז שְׁפֶּעט טָאר מֶען אִים נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען אַז עֶר וֶועט דַארְפְן זוּכְן אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ שְׁלָאפְן וַוייל מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם

פַארְלִירְן דֶעם קִינְד; וָואס טוּסְטוּ וֶוען עֶר זָאגְט דִיר: "טַאטֶע אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וָואס דוּ זָאגְסְט, אִיךְ גֵיי אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ"?! וָואלְסְט דָאס דָאךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

גֶעבּ אַ קוּק וָואס טוּט זִיךְ אָפּ הַיינְטִיגֶע צַייטְן בַּיי דִי שֶׁענְסְטֶע שְׁטוּבֶּער, ווִי קִינְדֶער לָאזְן אָפּ זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה. אִיךְ מֵיין אַז דִי אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע לוּפְט אִין שְׁטוּבּ, דִי שְׁוֶוערֶע אַטְמֶעסְפֶער - קוּמְט פוּן דַיין צַד. דוּ מַאכְסְט דִי לוּפְט אָנְגֶעצוֹיגְן, דוּ קוּקְסְט אוֹיף אִים מִיט אַ שְׁלֶכְטֶע אוֹיג - דָאס מַאכְט אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן צוּשְׁטֶעלְן.

אַוַדַאי שְׁלָאפְט עֶר בִּיז'ן טָאג אַרַיין; עֶר שְׁפִּירְט ווִי מֶען אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן אִים אוּן שְׁפִּירְט זִיךְ אִיבֶּעריג אִין שְׁטוּבּ, נָאכְדֶעם אִיז עֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט אַז עֶר שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט, וָואס דָאס אַלֵיינְס מַאכְט אַז עֶר זָאל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן וְכוּ'.

יֶעצְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן אָנְהֵייבְּן מְחַנֵךְ זַיין; חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען מֶען אִיז קְלֵיין, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּנֶעם קִינְד זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן מִיט וָואס עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן, דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט פוּן דֶעם, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס קִינְד דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶוען עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג; אָבֶּער וֶוען קִינְדֶער וֶוערְן עֶלְטֶער אוּן מֶען הָאט שׁוֹין אַ בָּחוּר אִין שְׁטוּבּ דַארְף מֶען זֶען עֶס זָאל זַיין נָאר יְמִין מְקָרֶבֶת אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה מז.): "לְעוֹלָם תְּהֵא שְׂמֹאל דּוֹחָה וְיָמִין מְקָרֶבֶת"; מֶען דַארְף וַוייזְן לִיבְּשַׁאפְט, אַז נִישְׁט קֶען מֶען זֵיי אִינְגַאנְצְן פַארְלִירְן.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ זָאג דִיר דוּ זָאלְסְט טוֹישְׁן דַיין צוּגַאנְג אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער; אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן דַיין וַוייבּ אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט אִיר זָאלְט אִים פַארְלִירְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף אִים גוּט אוּן עֶר וֶועט שְׁפִּירְן ווִי טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן אִים לִיבּ אוּן זֶענֶען צוּפְרִידְן פוּן אִים וֶועט עֶר אַייךְ נָאר בְּרֶענְגֶען נַחַת.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִים אוּן פַאר אַלֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. מוֹהַרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעווִיזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; דֶערְפַאר דַארְפְן עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מֶען קֶען רַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן מִיט הַפָּצָה.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז׳ אִיָּר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן לְכָּבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.**

**מַזָל טוֹב פַארְ׳ן אָפְּשֶׁערְן פוּן אֵייעֶר זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט אִים מְגַדֵל זַיין מִיט אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט מִיט דַיין וַוייבּ אִינְאֵיינֶעם אוּן זֶען פוּל נַחַת.**

**אִיךְ ווִיל דִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ עוֹסֵק זַיין יֶעדְן טָאג אִין ״הַפָּצָה״; דוּ קֶענְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן... דוּ קֶענְסְט רַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן פוּן אַ בָּחוּר, פוּן אַ מֵיידְל זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין אוֹיפְן וֶועג וָואס פִירְט צוּם טוֹיט, נָאר גֵיין אוֹיפְן וֶועג וָואס פִירְט צוּם לֶעבְּן.**

**אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֵייעֶן יֶעצְט אַרִיבֶּער דֶעם לֶעצְטְן נִסָיוֹן פַאר בִּיאַת מָשִׁיחַ, עֶס גֵייט אַ מַבּוּל, אַ מַבּוּל פוּן נִאוּף אוּן פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט** (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רכ) **אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, ״יִהְיֶה אַפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל בָּעוֹלָם״, עֶס וֶועט זַיין בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט** (דָנִיאֵל יב, י)**: ״יִתְבָּרֲרוּ וְיִתְלַבְּנוּ וְיִצָּרְפוּ רַבִּים״, דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט אַרָאפְּגִיסְן אַ מַבּוּל,**

אַלֶע וֶועלְן וֶוערְן בַּאגָאסְן אוּן אֲפִילוּ דִי עֶרְלִיכֶע וֶועלְן וֶוערְן אָנְגֶעשְׁפְּרִיצְט. אוּן נָאר דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן - דָאס רַאטֶעוֶועט דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים. ווארויל אִיז פַאר דֶער וָואס אִיז עוֹסֵק אִין דִי מִצְוָה פוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ טֵייעֶרֶע מַתָּנָה, אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ תִּחְיֶ'. זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיר; זַיי אִיר מְחַזֵק, הֶער אוֹיס אִירֶע שְׁמוּעֶסְן, פַארְבְּרֶענְג מִיט אִיר, שְׁפַּאצִיר מִיט אִיר אוּן שְׁפִּיל מִיט אִיר. דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעדֶענְק, בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם בַּיִת אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, וַוייל אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דִי וַוייבּ בְּשָׁלוֹם הָאט מֶען אַ רֵיינֶע מֹחַ אוּן אָן אַ וַוייבּ קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן קְדוּשַׁת הַמַּחְשָׁבָה.

שְׁטַארְק אִיר אוּן זַיי אִיר מְחַזֵק, דָאס בֶּעסְטֶע חִיזוּק פַאר אַ פְּרוֹי אִיז וֶוען אִיר אֵייגֶענֶע מַאן טְרֵייסְט אִיר אוּן פַארְשְׁטֵייט אִיר.

וֶוען אִיךְ זֶע דִיר אַרוֹיפְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה שֶׁעפּ אִיךְ נַחַת פוּן דִיר.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**וַוייזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דֶעם וֶועג צוּם רֶבִּי'ן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע שְׁטֶענְדִיג צוּ עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה אוּן דֶערְצֵייל פַאר אַלֶעמֶען פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; וואוּ דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ זָאלְסְטוּ נָאר זוּכְן ווִי דוּ קֶענְסְט נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ מְזַכֶּה זַיין מִיט דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת.
~~~~~~~~~~~

דִי מִתְנַגְדִים הָאבְּן אַמָאל גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן: "וָואס וֶועסְטוּ טוּן אַז דוּ וֶועסְט אַרוּיף קוּמֶען אוֹיבְּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן מֶען וֶועט דִיר פַּסְקְ'נֶען גֵיהִנוֹם?" הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל זָאגְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז, אוּן אִיךְ וֶועל יֶעדְן אֵיינֶעם אַהִין שִׁיקְן"; דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן. אִיךְ בִּין נִישְׁט דָא, אִיךְ ווִיל נָאר יֶעדְן אֵיינֶעם וַוייזְן דֶעם וֶועג צוּם רֶבִּי'ן.

דָאס דַארְפְן מִיר זִיךְ אוֹיףְ פָארְנֶעמֶען, אַז מִיר וֶועלְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל ווִיסְן פוּן דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת.

זַיי גֶעזוּנְט.

...

~~~~~~~~~~

**מִיט סַבְלָנוּת וֶועט דַיין וַוייבּ אוֹיפְהֶערְן קוּקְן מָאוִויס.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרָאפְּקוּקְן אוֹיףְ דַיין וַוייבּ אַז זִי קוּקְט מָאוִויס וְכוּ', זִי אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, שׁוּלְדִיג זֶענֶען דִי סְקוּלְ'ס וואוּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ דִי מֵיידְלֶעךְ פוּן תַּכְלִית. רוֹב רוּבָּם פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ קוּקְן מָאוִויס אוּן קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט צוּ זֵיי פוּן דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', זִי הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז זִי לֶעבְּט בַּאהַאלְטְן וְכוּ'; אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט אַז זִי זָאל זַיין אָפְן מִיט דִיר. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט קוּקְן אוֹיףְ אִיר מִיט אַ גוּט אוֹיג, זִי אִיז אַ טֵייעֶרֶע פְרוֹי אַ צַדֵיקֶת, זִי וֶועט אוֹיפְהֶערְן קוּקְן וְכוּ'. דוּ דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין אַז דָאס אִיז אַ קְלֶעבֶּעדִיגֶע נִסָיוֹן, אַזוֹי ווִי מֶען כַאפְּט אָן אַ שְׁטַארְקֶע קְלֶעבּ (גְלָ"א) נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען קֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי קְלֶעבּ, וֶוער רֶעדְט נָאךְ
~~~~~~~~~~

אַז מֶען וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט מִיט קְרֶעיז״י גְלָ״א, דַאן אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס אַרָאפְּצוּנֶעמֶען ..דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מָאוִוי״ס; אָךְ אוּן וֵויי אִיז פַּאר דֶעם וָואס פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם, דָאס פַאר׳תַּמְ׳ט דֶעם קָאפּ, מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן, אוּן דָאס שַׁאדְט פַאר אַלֶעס.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אִיר נִישְׁט זָאגְן קַיין מוּסָר, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין יֶעצְט אוֹיף דִי פַארְקֶערְטֶע וֶועג - אוֹיךְ צוּ קוּקְן חַס וְשָׁלוֹם.

אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוּישְׁן לְטוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**גוּטֶע מִדוֹת וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז׳ אִיָּר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן מִיט גוּטֶע מִידוֹת, דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע בָּחוּר אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן ..וֶועסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ גוּטֶע נָאמֶען אוּן בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג.

נֶעם דָאס פַאר דַיין מִצְוָה וָואס אִין דֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת אוּן אַלֶע חוּמְרוֹת; אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת קיח:): ״אֲבוּךְ בְּמַאי זָהִיר טְפֵי?״ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ אֵיין מִצְוָה וָואס אִין דִי מִצְוָה וֶועט עֶר זֵייעֶר נִזְהָר זַיין, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי מִצְוָה פוּן (וַיִּקְרָא יט, יח): ״וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ״; נָאר קוּקְן גוּטְס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן נָאר זוּכְן רַחְמָנוּת צוּ הָאבְּן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ; דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן שֶׁעפְּן פוּן דִיר אַסַאךְ נַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ"; זוּךְ אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר. עֶס אִיז דָא בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אַסַאךְ גוּטְס, טִיף אִינֶעם פְּרָאבְּלֶעם לִיגְט בַּאהַאלְטְן אַסַאךְ גוּטְס.

מִיט דֶעם מֶעסְט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד, צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר וֶועט טְרֶעפְן אוּן אַנֶערְקֶענֶען דָאס גוּטְס אוּן דָאס רַחְמָנוּת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים.

אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דַיין זְכוּת פוּן "הַכְנָסַת אוֹרְחִים", וִוי דוּ זָארְגְסְט פַאר אַלֶע בָּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ עֶסְן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעבֶּעטְן רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל עֶפֶּעס נָאכְזָאגְן פוּנֶעם "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף", הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס עֶר גֶעדֶענְקְט פוּן דָארְט אִיז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִינֶעם זְכוּת פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ מְגַדֵּל זַיין דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֶען נַחַת פוּן זֵיי. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת הַכְנָסַת אוֹרְחִים, סִימָן ג): "הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכֶּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים", אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~~

**עוֹסֵק זַיין אִין "הַפָּצָה" אִיז הֶעכֶער פוּן אַלְצְדִינְג.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

עוֹסֵק זַיין אִין "הַפָּצָה" אִיז הֶעכֶער פוּן אַלְצְדִינְג. הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז גְרִינְגֶער אִין אַ גֶעוִויסֶע זִין דֶער עִנְיָן פוּן הַפָּצָה, וַוייל מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְשְׁלֶעפְּן אִין דִי הִיץ אוּן אִין דִי קֶעלְט, מֶען קֶען זִיצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט אַ וַוארֶעמֶע טְרוּנְק - וִוינְטֶער, אוּן זוּמֶער מִיט אַ קַאלְטֶע טְרוּנְק אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן חִיזוּק פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - מִיט דֶעם וָואס דוּ טוּסְט מִיט דִי "הַאט לַיין" פוּן קוֹל בְּרֶסְלֶב, וָואס צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן - בְּעִיקָר בָּחוּרִים, מֵיידְלֶעךְ, יוּנְגֶעלַייט אוּן יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ רוּפְן אַריין טָאג טֶעגְלִיךְ, אוּן דָאס גֶעבְּט זֵיי לֶעבְּן, עֵצוֹת, חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיטְ'ן לֶעבְּן.

אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִי וֶועבְּסֵייט - וָואס דוּ בִּיסְט דָארְט מְפַרְסֵם דִי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרִיוְון אוּן דִי חִיזוּק יוֹמִי דְרָשׁוֹת, וְכוּ', וְכוּ', פַאר טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן, אוּן אוֹיף אַלֶע אַנְדֶערֶע וֶועגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער עוֹסֵק צוּ זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; מֶען טָאר נִישְׁט אוּנְטֶערְבְּרֶעכְן פוּן שְׁוֶועריִקְייטְן, דִי שְׁוֶועריִקְייטְן וָואס דֶער ס"מ בְּרֶענְגְט אַלְץ מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוּנְטֶערְבְּרֶעכְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן.

גְלֵייבּ מִיר, אוֹיף מִיר גֵייט אוֹיךְ אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', וְכוּ', - וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּן מוֹהֲרָא"ש, אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּן פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה - פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז וָואס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין מַיין לֶעבְּן.

זָאלְסְטוּ דָאס אוֹיךְ טוּן, דֶערְצֵייל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, שְׁמוּעֶס מִיט אִים אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶער חָבֵר

- װעסְטוּ הָאבְּן כֹּחַ אִין לֶעבְּן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ װעט דִיר נִישְׁט קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מִיר זֶענֶען אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסֶע רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים וָואס גֶעבְּן אוּנְז פָּשׁוּט לֶעבְּן.

אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט עֶנְדִיגְן מַגִיהַּ זַיין "אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק ב'" אוּן עֶנְדִיגְן דִי מַפְתְּחוֹת; וַוייל אִיךְ וִויל דָאס דְרוּקְן. נְדָרַי לַה' אֲשַׁלֵּם, אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"ש אַז אִיךְ װעל דָאס דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען, וַוייל אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ דֶעם סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק כ"ז". אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט דֶעם סֵפֶר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דָאס הָאט מִיר גֶעטְרֵייסְט מַיין לֶעבְּן. דֶערְפַאר װעל אִיךְ דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אַז נָאךְ מֶענְטְשְׁן זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ זִיס לֶעבְּן.

חֲבֵרֶיךָ וִידִידֶיךָ.

...

~~~~~~~~~~~

**דוּ װעסְט אַלֶעס קֶענֶען פּוֹעֵל'ן מִיט סַבְלָנוּת אָן קַיין לַחַץ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שָׁאד אַ שָׁאד אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מִיט חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת דִי רִיכְטִיגֶע װעג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן; מֶען וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַזוֹיפִיל גִיטִין אוּן אַזוֹיפִיל סֶעפֶּערֶעישְׁנְ'ס דוּרְךְ זִיךְ פִירְן עַל פִּי דֶרֶךְ הַתּוֹרָה - אָן חוּמְרוֹת אוּן אָן פְּרִישׁוּת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ אָן חוּמְרוֹת אוּן אָן פְּרִישׁוּת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַנְטְקֶעגְן חוּמְרוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה): "הַלְוַאי שֶׁנִּזְכֶּה לְקַיֵּם אֶת כָּל מִצְוֹת הַתּוֹרָה
~~~~~~~~~~~

כִּפְשׁוּטָן מַמָּשׁ בְּלִי שׁוּם חֻמְרוֹת", הַלְוַאי זָאלְן מִיר מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן, אָנֶע חוּמְרוֹת.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דוּ ווִילְסְט פוֹעֵלְ'ן בַּיי אִיר וְכוּ', זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דוּ וֶועסְט אַלֶעס קֶענֶען פוֹעֵלְ'ן מִיט סַבְלָנוּת אָן קַיין לַחַץ. וֶוער עֶס לֶעבְּט מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן דֶער אִיז מְנַצֵּחַ בַּיים סוֹף.

אִיךְ זָאג דִיר נָאכְאַמָאל, פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, פַאר דַיין טוֹבָה אוּן פַאר דַיין גוּטְס: "לָאז זִיךְ אָפּ פוּן מֶענְטְשְׁן, דַיין יְשׁוּעָה וֶועט קוּמֶען נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~~

**דְרוּקְן נָאךְ אַ סֵפֶר, פַארְשְׁפְּרֵייטְן נָאךְ אַ קוּנְטְרֵס.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

ווָאוּיל אִיז דִיר אוּן ווָאוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה עוֹסֵק צוּ זַיין בְּהַדְפָּסַת סִפְרֵי מוֹהֲרַנְ"ת וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן פוּן דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער ס"מ שְׁפִּילְט מִיט דִיר מֶער וִוי עֶר שְׁפִּילְט מִיט אַ צְוֵוייטְן, עֶר אִיז דִיר מַחְלִישׁ דַעַת, עֶר צֶעבְּרֶעכְט דִיר אוּן וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ כְּסֵדֶר, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דוּ טְרַאכְסְט צוּ זִיךְ "אָפְּצוּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט", בֶּעט אִיךְ דִיר אוּן אִיךְ בִּין דָא דִיר צוּ שְׁטַארְקְן אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן פַאר קַיין אֵיין רֶגַע אָפְּצוּלָאזְן דָאס דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס רַאטֶעוֶועט הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַדְרַבָּה, יֶעדֶעס מָאל וֶוען דֶער ס"מ אִיז דָא אוּן עֶר אוֹיףְ דִיר - זָאלְסְטוּ אִים צוּרִיק שְׁלָאגְן מִיט נָאךְ אַ סֵפֶר דְרוּקְן, מִיט נָאךְ אַ
~~~~~~~~~~~

קוּנְטְרֵס פַארְשְׁפְּרֵייטְן, אוּן מִיט פַארְשְׁפְּרֵייטְן נָאךְ אַ סִידִּי וָואס וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה.

אֲהוּבִי אָחִי, דוּ וֵוייסְט דָאךְ יָא אַבִּיסְל וָואס גֵייט פָּאר אוֹיף דִי וֶועלְט, ווִיפִּיל טְרֵפָה׳נֶע אוּן שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס קוּמֶען אַרוֹיס יֶעדֶע רֶגַע אוּן יֶעדֶע מִינוּט, דוּ וֵוייסְט אַבִּיסְל וואוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן נֶעבֶעךְ אַרַיין אוּן נָאר דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת וְכוּ׳, וְכוּ׳, הֶעלְפְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין אֵיין רֶגַע אָפְּצוּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, נָאר טְרַאכְט אַלֶע וֶועגְן ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער מַאכְן אַז דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִי וֶועלְט.

זֶע אָנְצוּגְרֵייטְן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה; עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶס אִיז נָאךְ דָא אַסַאךְ צַייט אָבֶּער מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מֶען פָּארְט שׁוֹין אִין קֶעמְפּ, אוּן נָאךְ קֶעמְפּ פָּארְן מִיר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן. דָארְט קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַ קִיבּוּץ אִידְן מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ - פוּנֶעם אַרוּם דֶעם גַאנְצְן גְלָאוּבּ, דַארְפְן מִיר זַיין גְרֵייט מִיט סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים צוּ קֶענֶען שְׁפַּייזְן אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ, בִּפְרַט יֶעצְט נָאכְ׳ן גֶעבּוֹירְן לְמַזָל טוֹב אַ לִיכְטִיגֶע מֵיידְל - דַארְף זִי הָאבְּן כֹּחַ. עֶס נֶעמְט צַייט אַז אַ וַוייבּ זָאל קוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת, אוּן וֶוען דֶער מַאן הָאט שֵׂכֶל אוּן גֶעבְּט אִיר חִיזּוּק נֶעמְט וֵוייניגֶער צַייט זִי זָאל קוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת. אַז דוּ הָאסְט אִיבֶּערִיגֶע צַייט גֵיי אַהֵיים צוּ אִיר אוּן הֶעלְף אִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר. דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, זֶע אִיר צוּ הַאלְטְן טֵייעֶר.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן נָאכְגֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן.

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד תַּלְמִידֵי הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְּן, דַארְפְסְטוּ יֶעצְט אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן אוֹיף דַיינֶע מִידוֹת כְּדֵי צוּ קֶענֶען לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ. אַ בָּחוּר לֶעבְּט אַלֵיינְס, עֶר מֵיינְט אַז אַלֶעס דַארְף גֵיין וִוי עֶר ווִיל אוּן וִוי עֶר טְרַאכְט. אָבֶּער נָאךְ דִי חֲתוּנָה הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ, מֶען דַארְף זִיךְ פַארְשְׁטֵיין אוּן מֶען דַארְף קֶענֶען שְׁלִינְגֶען, דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ יֶעצְט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען מְוַותֵּר זַיין.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶער וָואס גֶעבְּט נָאךְ פַאר אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כה.) אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט אַ גַאנְץ ווִינְטֶער, הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ יוֹם תְּפִילָּה אוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג תְּפִילּוֹת אַז עֶס זָאל רֶעגֶענֶען אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען רֶעגְן, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גֶעזָאגְט: "אָבִינוּ מַלְכֵּינוּ, אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָּא אָתָּה, אָבִינוּ מַלְכֵּינוּ רַחֵם עָלֵינוּ", אוּן עֶס הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגְן, הָאט דֶער עוֹלָם אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן אַז רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גְרֶעסֶער פוּן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר וַוייל זַיינֶע תְּפִילּוֹת זֶענֶען גְלַייךְ אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן, אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל אוּן גֶעזָאגְט: "נִישְׁט וַוייל רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גְרֶעסֶער פוּן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר זֶענֶען זַיינֶע תְּפִילּוֹת אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן, נָאר וַוייל רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז אַ וַתְּרָן - עֶר גֶעבְּט נָאךְ, אוּן וֶוער עֶס גֶעבְּט נָאךְ פַאר אַ צְוֵוייטְן, הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס זַיינֶע תְּפִילּוֹת". זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן נָאכְגֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן.

קוּם אַרוֹיף אִין יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**מְסַדֵר זַיין דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, שַׁמָּשׁ בֵּית מִדְרָשֵׁינוּ.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר וֶועלְן מִיר הָאבְּן נָאךְ אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה לְמַזָּל טוֹב פוּן הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִר.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן אוֹיסְפִירְן רְצוֹנוֹ שֶׁל מוֹהֲרָא"שׁ זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה וָואס הָאט כָּל יָמָיו גֶעשְׁטְרֶעבְּט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וִוי יוּנְגֶער. אֵיינֶע פוּן דִי סִיבּוֹת פַארְוָואס מֶען פַארְשְׁפֶּעטִיגְט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער אִיז וַוייל עֶס קָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט, דֶערִיבֶּער הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבּוֹיט אַ זַאל אִין יַבְנְאֵל אַז חֲתוּנָה מַאכְן זָאל זַיין בְּחִנָם פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. יֶעצְט הָאבְּן מִיר דָאס נָאכְגֶעמַאכְט בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה, אַז עֶס זָאל נִישְׁט קָאסְטְן קַיין גֶעלְט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן.

רוּף אָן דִי מְחוּתָּנִים זֵיי פְרֶעגְן וִויפִיל עֶסְן מֶען זָאל צוּשְׁטֶעלְן פַאר דִי סְעוּדָה; דִי סְעוּדָה אִיז אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ נָאר פַאר דִי נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה. נִישְׁט אַז מִיר וֶועלְן חַס וְשָׁלוֹם אַוֶועק שִׁיקְן אֵיינֶער וָואס קוּמְט צוּ דִי סְעוּדָה - כְּמַעֲשֶׂה קַמְצָא וּבַר קַמְצָא (גִּיטִּין נה); חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ גַאסְט פוּן אַ סְעוּדָה. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר קַב הַיָּשָׁר (פֶּרֶק כו; סד; וְעוֹד) שְׁרֶעקְלִיכֶע סִיפּוּרִים אִיבֶּער אַוֶועקְשִׁיקְן מֶענְטְשְׁן פוּן אַ סְעוּדָה, בִּפְרָט בַּיי אַ שִׂמְחָה. - אָבֶּער מֶען אִיז נִישְׁט מְחוּיָּב צוּ רוּפְן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט וְכוּ', אַזוֹי אַרוּם קֶען מֶען חֲתוּנָה מַאכְן אָן חוֹבוֹת.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט זֶען זִיךְ צוּ הַאלְטְן צוּ דִי זְמַנִּים, נִישְׁט אַרַיין צוּ צִיעֶן שְׁפֶּעטֶער וִוי עֶלְף אַזֵייגֶער.

אוֹיךְ וֶועט אִם יִרְצֶה ה' פָארְקוּמֶען אִסְרוּ חַג שָׁבוּעוֹת דִי חֲתוּנָה פוּן מַיין זוּן שְׁלֹמֹה נֵרוֹ יָאִיר; אִיךְ דַאנְק אוּן אִיךְ לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען הַאלְט
~~~~~~~~~~~

שׁוֹין דָא. מַיין הַארץ אִיז פוּל מִיט דַאנְקְבַארְקֵייט פַארְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואו מֶען לָאזְט לֶעבְּן, מֶען קֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער מִיט שִׂמְחָה - אָן חוֹבוֹת, אָן דַאֲגוֹת און אָן לַחַץ וְכוּ', וְכוּ'.

בִּיז דֶערְוַוייל קוּמְט בִּיז יֶעצְט אוֹיס דִי קָאסְטְן וָואס עֶס קָאסְט מִיר דִי חֲתוּנָה ... הַכֹּל, בַּכֹּל, מִכֹּל, כֹּל - וֵוייניֶגער וִוי דִי תְּפִילִין וָואס עֶס הָאט מִיר גֶעקָאסְט בַּיי דֶעם חָתָנְ'ס בַּר מִצְוָה.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר; אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער יֶעצְט אַבִּיסֶעלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וְכוּ', וְכוּ', אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט מִיר בִּיז יֶעצְט גֶעהִיטְן פוּן אַלֶעס שְׁלֶעכְטֶס וֶועט מִיר וַוייטֶער הִיטְן פוּן אַלֶעס שְׁלֶעכְטֶס. מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוָואנְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מַיין הָאפֶענוּנְג אִיז נָאר צוּ אִים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַריינְפַאלְן אִין דִי נֶעץ פוּן "סָאוֹשֶׁעל מִידִיעֶ"; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע נַפְקָא מִינָה פוּן הֶערְן נֵייעֶס אוֹיף "קוֹל מְבַשֵּׂר" בִּיז צוּ קוּקְן סְטַאטוּס וְכוּ'. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי נִסְיוֹנוֹת הַדּוֹר.

...

~~~~~~~~~~~

**נִישְׁט מְחַנֵּךְ זַיין דִי עֶלְטֶערְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ח' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן און אוֹיךְ נִישְׁט דַיין וַוייבְּ'ס עֶלְטֶערְן; אַז דַיין שְׁוִויגֶער שְׁטֵייט אַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ אִיר מְכַבֵּד זַיין מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ. זָאג אִיר גָארְנִישְׁט קַיין מוּסָר אוֹיף דֶעם וָואס זִי גֵייט מִיט אָפֶענֶע הָאר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.
~~~~~~~~~~~

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳; זָאג אִיר גָארְנִישְׁט אַנְטְקֶעגְן אִיר מַאמֶע, עֶס טוּט אִיר אַלֵיינְס וֵויי אַז אִיר מַאמֶע הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעטוּן אִיר שֵׁייטְל אוּן דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם מִיט אָפֶענֶע הָאר. דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ אִיז עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן, זִי גֵייט מִיט אַ שֵׁייטְל אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט אַרוֹיס אִיר הָאר, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (נָשֹׂא קכה.) אַז אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס זֶען אִיר הָאר אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, צוּ פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אוּן צוּ אַלֶעס גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**אַ קְהִלָּה פוּן מֶענֶער, פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער וָואס לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע שְׁמוּעֶס אִיז פוּן תְּפִלָּה, פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן הַפָּצָה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ח׳ אִיָיר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָּבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

גֶעבּ אִיבֶּער אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ פַארְ׳ן אַרוֹיס הֶעלְפְן דִי ׳פַּארְטִי׳ אַז עֶס זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה.

חוּץ פוּן דִי הַצְלָחָה אַז עֶס אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען גֶעלְט מֶען זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי מוֹסְדוֹת אִיז נָאךְ מֶער דִי עֶצֶם זַאךְ אַז אוּנְזֶערֶע וַוייבֶּער שְׁטֶעלְן זִיךְ אַרוֹיס אוּן מֶען רוּפְט מִשְׁפָּחָה מִיט חַבֶרְ׳טֶעס צוּ הֶעלְפְן דִי ׳בְּרֶסְלֶב׳עֶ מוֹסָד׳; דָאס אַלֵיינְס אִיז נָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעדֶענְקֶען נָאךְ זֵייעֶר גוּט וִוי מֶען פְלֶעגְט זִיךְ אַמָאל בַּאהַאלְטְן מִיט ׳בְּרֶסְלֶב׳, מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דֶעם וָוארְט ׳בְּרֶסְלֶב׳ אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ קֵיינֶעם פוּן בְּרֶסְלֶב; מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשֶׁעמְט אַז דִי מַאן הָאט שַׁייכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב אוּן אַז דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אִין בְּרֶסְלֶב.
~~~~~~~~~~~

בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט דָא מִיט וָואס זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רטו) בְּשָׁעַת עֶר אִיז גֶעזִיצְן בַּיי אַ שָׁלוֹם זָכָר אוּן אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זִינְגֶען אַ נִיגוּן, אָבֶער רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אוּן אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "ר' נַפְתָּלִי וָואס שֶׁעמְסְטוּ זִיךְ? 'בִּשְׁבִילֵנוּ נִבְרָא הָעוֹלָם' דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר אוּנְז, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) אוֹיפְן פָּסוּק (קֹהֶלֶת יא, יב): "כִּי זֶה כָּל הָאָדָם" - כָּל הָעוֹלָם נִבְרָא אֶלָּא בִּשְׁבִיל זֶה, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן נָאר פַאר דֶעם צַדִּיק".

מִיר דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, שֶׁעמֶען דַארְפְן זִיךְ דִי וָואס וֵוייסְן נִישְׁט וָואס זֵיי בַּאקוּמֶען פוּן זֵייעֶר רֶבִּי, מֶען גֵייט צוּ אַ רֶבִּי וָואס דֶער רֶבִּי קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן, אוֹיב אַזוֹי וִוי אַזוֹי קֶען עֶר הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן...

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סא): "וְיֵשׁ מַנְהִיגִים שֶׁנִּקְרָאִים בְּשֵׁם רַבִּי, וְלֹא דַּי שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים אֲפִילוּ לְהַנְהִיג אֶת עַצְמָן, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לְהַנְהִיג אֶת אֲחֵרִים", עֶס זֶענֶען דָא פִירֶערְ'ס וָואס רוּפְן זִיךְ רֶבִּי'ס, נִישְׁט נָאר וָואס זֵיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן, קֶענֶען זֵיי דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט מִיט אוּנְז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן, עֶר לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִיר זָאלְן זִיךְ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וָואס מִיר דַארְפְן זָאלְן מִיר נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי וַוייזְט אוּנְז אַ וֶועג מִיר זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה; הַיינְט הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל צוּ לֶערְנֶען נַ"ךְ - יֶעדְן טָאג צְוֵויי קַאפִּיטְלֶעךְ, מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ' צוּ זַיין אִין אַזַא הֵיילִיגֶע חֲבוּרָה וואוּ מֶען לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. יֶעדֶער תַּלְמִיד בַּיים רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ דֶער קְלֶענְסְטֶער אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּם זַיין אָן אַ שִׁיעוּר מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אַ איד פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שְׁרַייבְּט מִיר אַז עֶר מִיט דִי מִשְׁפָּחָה לֶעבְּן מִיט דִי שִׁיעוּרִים און זֵיי וואונְדֶערְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיב דָאס אִיז אַ חָלוֹם אָדֶער אַ ווירְקְלִיכְקֵייט; אִיז טַאקֶע פַארְהַאן אִין דִי וֶועלְט אַ קְהִלָּה פון מֶענֶער, פְּרוֹיעֶן און קִינְדֶער וָואס לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע שְׁמוּעֶס אִיז פון תְּפִלָּה, פון אֱמוּנָה און פון הַפָּצָה. עֶר שְׁרַייבְּט מִיר אַז זַיין וַוייבּ אִיז יֶעצְט גֶעוֶוען אִין אַמֶערִיקֶע און זִי אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי פְּרוֹיעֶן שִׁיעוּר פָּארִיגֶע וָואךְ דִינְסְטָאג נַאכְט, שְׁרַייבְּט עֶר מִיר אַז זַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּ זִיךְ דָאס צוּ זֶען אִין ווירְקְלִיכְקֵייט (רִיאַלֶעטִי); ווִי שֵׁיין מֶען הָאט אִיר אוֹיפְגֶענוּמֶען, און ווִי וַוייט זִי אִיז נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פון דִי אַחְדוּת און דָאס פַּשְׁטוּת, ווִי מֶען טֵיילְט עֶסְן און יֶעדֶער וָואס דַארְף נֶעמְט אַהֵיים, אַזוֹי אוֹיךְ דִי קְלֵיידֶער וָואס מֶען טֵיילְט בְּחִינָם פַאר דֶער וָואס דַארְף.

דֶער איד הָאט מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶ' גֶעוֶוען, וַוייל דָאס אִיז וָואס אִיךְ ווִיל. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ ווִינְקְל וואוּ מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ, מֶען פַארְטְרָאגְט זִיךְ און מֶען מַאכְט נִישְׁט אַוֶועק אַ צְוֵוייטְן, מֶען זוּכְט נָאר דָאס גוּטְס אֵיינֶעם בַּיים אַנְדֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

### הַכָּרַת הַטּוֹב קֶען יֶעדֶער טוּן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ח' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

יִישַׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער און גוּטֶע גְרִיסְן; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט הַנָאָה גֶעהַאט פון דִי פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם און פון דִי שִׁיעוּר, אַזוֹי אוֹיךְ אַז אִיר הָאט הַנָאָה צוּ הֶערְן אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב דִי שִׁיעוּרִים פַאר מְחַנְכוֹת, ווִי דָאס קוּמְט אַייךְ צוּנִיץ צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין אֵייעֶרֶע קִינְדֶער.
~~~~~~~~~~

מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, וֶוען עֶס קוּמְט וַויי צוּ טוּן מֶענְטְשְׁן, אַרַיין זָאגְן, פַארְשֶׁעמֶען, וְכוּ׳, דֶעמָאלְט טְרַאכְט מֶען נִישְׁט פַאר דֶעם: ׳וֶוער בִּין אִיךְ דֶען צוּ זָאגְן וְכוּ׳?׳ ׳וֶוער בִּין אִיךְ בִּכְלָל וַויי צוּ טוּן יֶענֶעם?׳ נָאר מֶען זָאגְט, מֶען פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען טוּט וַויי מִיטְן גַאנְצְן כֹּחַ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, ווִידֶערְאוּם וֶוען עֶס קוּמְט זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען אוּן שְׁרַייבְּן וֶוערְטֶער פוּן דַאנְקְבַּארְקֵייט, דֶעמָאלְט טְרַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ: ׳וֶוער בִּין אִיךְ דֶען?׳ ׳וֶוער דַארְף מִיר?׳

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג מַכִּיר טוֹבָה זַיין פַאר וֶוער עֶס הֶעלְפְט אוּנְז, זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען וֶוען מֶען בַּאקוּמְט אַ טוֹבָה פוּן אַ צְוֵוייטְן, אוּן זִיכֶער מַכִּיר זַיין דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג אוּן אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶערוֹיף, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ גוּטְס.

...

~~~~~~~~~~~

**שְׁטֵיין וַוייט פוּן דִי וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת אוּן הָאבְן נָאר גוּטֶע חֲבֵרִים.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט׳ אִיָּר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ גֵיין דַאוְוענֶען, שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן לא): ״דַאוְוענֶען אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט אַוֶועק שְׁטוּפְּן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער״; אֵיינְמָאל מֶען שְׁטוּפְּט דָאס אָפּ קֶען מֶען דָאס אִינְגַאנְצְן פַארְלִירְן, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן עֶס וֶוערְט חֲצוֹת, אוּן נָאךְ חֲצוֹת קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט דַאוְוענֶען שַׁחֲרִית.

קוּק נִישְׁט אוֹיף דַיין עָבַר אוּן שְׁלֶעפּ נִישְׁט מִיט דִיר דַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט; גֵיי אִין שׁוּל, דָארְט וֶועסְטוּ אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע דַיינֶע
~~~~~~~~~~~

עֲבֵירוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת טז.): "אָמַר רַבִּי חָמָא בְּרַבִּי חֲנִינָא: לָמָּה נִסְמְכוּ אֹהָלִים לַנְחָלִים וכו'? לוֹמַר לָךְ: מַה נְחָלִים מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִטֻּמְאָה לְטָהֳרָה, אַף אֹהָלִים מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִכַּף חוֹבָה לְכַף זְכוּת", אַ שׁוּל אִיז אַזוֹי וִוי אַ טַייךְ וואסער, פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי אַ טַייךְ וַואסֶער, וֶוען אַ טָמֵא'נֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַרַיין זִיךְ טוֹבֵל'ען דָארְט קוּמְט עֶר אַרוֹיס רֵיין, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ אִיד גֵייט אִין שׁוּל נֶעמְט דָאס אִים אַרוֹיס פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס אוּן עֶר וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

נֶעכְטְן הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען נַ"ךְ; מִיר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג צְוֵויי קַאפִּיטְלֶעךְ, אַזוֹי זֶענֶען מִיר מְסַיֵּם יֶעדֶעס יָאר נְבִיאִים וּכְתוּבִים. בַּארֶעכְן זִיךְ אוּן מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵּם זַיין כָאטְשׁ אֵיין מָאל אִין דַיין לֶעבְּן גַאנְץ נְבִיאִים וּכְתוּבִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "נַ"ךְ אִיז מַיין מוּסָר סֵפֶר"; וֶוען מֶען לֶערְנְט נַ"ךְ זֶעט מֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁלֶעכְטֶע צַייטְן פַּאר דִי אִידְן, אַ רָשָׁע אִיז גֶעקוּמֶען אוּן גֶעוָואלְט שְׁלֶעכְטְס טוּן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן. נָאכְדֶעם הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער פַּארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַמָאל גֶעשִׁיקְט אַ רָשָׁע זָאל קוּמֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט זֵיי אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער גֶעזֶען אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן הָאבְּן זֵיי נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה גֶעטוֹן; פוּן דֶעם קֶען זִיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן וֶוען עֶר הָאט חַס וְשָׁלוֹם אַ צָרָה.

גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת אוּן רֶעדְן אַנְטְקֶעגְן דִי דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט בַּיי אוּנְז; זוּךְ דִיר אוֹיף צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גוּטֶע חֲבֵרִים, עֶס זֶענֶען דָא בַּיי אוּנְז טֵייעֶרֶע יוּנְגֶעלַייט וָואס קֶענֶען דִיר זַיין אַ גוּטֶע חַבְרוּתָא. מַיין עִיקַר הַצְלָחָה אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ אִיז גֶעוֶוען אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעהִיטְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן לֵיצָנוּת אוֹיף מוֹהֲרַאְ"שׁ. אִיךְ הָאבּ דִיר צוּ דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת וִוי אַזוֹי אִיךְ בִּין גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעדְרֵיידְט אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן

מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"שׁ און אוֹיסְגֶעקוּקְט ווִי זֵיי זֶענֶען פון די נָאנְטֶע מֶענְטְשְׁן בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אָבֶּער זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ וֶוערְטְלֶען אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ (לְפָנִים הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶערֶעדְט אַנְטְקֶעגְן, נָאר זִיךְ גֶעוֶוערְטְלְט). פון זֵיי בִּין אִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטַאנֶען און מִיט זֵיי הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶערֶעדְט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט ווִיסְן וָואס אִיךְ הַאלְט פון זֵיי כְּדֵי נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין מַחְלוֹקֶת, אָבֶּער בַּיי מִיר אִין הַארְץ הָאבּ אִיךְ גֶעווִיסְט מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן און פון וֶועם צוּ נֶעמֶען הִתְחַזְּקוּת; אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט בַּיי מִיר אַז זֵיי זֶענֶען סַם הַמָּוֶת פַאר מִיר.

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער תַּלְמִיד: אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ און אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַסַאךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר דִיר, פַאר דַיין לֶעבְּן. נָאךְ אַלְץ בָּחוּר וֶוען קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן מִיט דִיר צוּטוּן הָאבּ אִיךְ דִיר אַרַיין גֶענוּמֶען און גֶעזָארְגְט פַאר דִיר פַאר אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ, ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער און ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן בִּכְלָל מִיט מֶענְטְשְׁן וּבִפְרָטִיּוּת מִיט טַאטֶע מַאמֶע, שְׁוֶוער און שְׁווִיגֶער וְכוּ' וְכוּ', בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט לֵצִים, זָאלְסְט נָאר זוּכְן ווִי צוּ הֶעלְפְן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל ווִיסְן פון די זִיסֶע וַואסֶער, די רֵיינֶע נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה.

אִיךְ דַארְף אַרַיין לוֹיפְן צוּ די בָּחוּרִים; מִיט זֵיי הָאבּ אִיךְ לִיבּ צוּ זִיצְן וַוייל זֵיי שְׁלִינְגֶען יֶעדְן דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט פון רֶבִּי'ן. זֵיי לֶערְנֶען מִיר נָאךְ נִישְׁט ווִי צוּ פִירְן וְכוּ' און ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין וְכוּ'.

אִיךְ עֶנְדִיג מִיט אַ וָוארְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט, יב): "אִם חָכַמְתָּ - חָכַמְתָּ לָּךְ, וְלַצְתָּ - לְבַדְּךָ תִשָּׂא", אוֹיבּ בִּיסְטוּ קְלוּג - בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר און אוֹיבּ מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת מַאכְסְטוּ נָאר פַאר דִיר אַלֵיין לֵיצָנוּת; חַזֵּר דִיר אַיין זָאלְסְט דָאס שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען: 'אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף די וֶועלְט, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!' דָאס הָאבּ אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פון מוֹהֲרָא"שׁ.

קוּק אִין דִי צַוָואָה וואו מוֹהַרְאַ"ש שְׁרַייבְּט (צַוָּואַת מוֹהַרְאַ"ש, אות ט): "זִכְרוּ הֵיטֵיב וְתִיַּשְּׁבוּ עַצְמְכֶם וְאָז תִּרְאוּ כִּי שָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם, וְהַכֹּל הֶבֶל הֲבָלִים", גֶעדֶענְקְט גוּט אוּן נֶעמְט גוּט אַרַיין אִין אֵייעֶר קָאפּ אַז אִיר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, "אַף אֶחָד לֹא יָכוֹל לַעֲזוֹר לָכֶם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְהַזִּיק לָכֶם", קֵיינֶער קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁלֶעכְטֶס טוּן, "וְעַל כֵּן אַל תִּירָאוּ וְאַל תֵּחַתּוּ מִשּׁוּם בְּרִיָה שֶׁבָּעוֹלָם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאַל תַּחֲנִיפוּ אֶת שׁוּם בְּרִיָה, כִּי לֹא יוֹעִיל כְּלָל, אֶלָּא עוֹד יַזִּיק לָכֶם בִּבְרִיאוּתְכֶם", דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפְ'נֶען צוּ קֵיינֶעם, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן. פַארְקֶערְט, דָאס וֶועט אַייךְ שַׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, "כִּי כְּשֶׁאָדָם שָׂם בִּטְחוֹנוֹ בְּבָשָׂר וָדָם, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁאֵינוֹ נַעֲשֶׂה כִּרְצוֹנוֹ אֲזַי בָּא לִידֵי אַכְזָבוֹת גְּדוֹלוֹת עַד מְאֹד, וְנִשְׁבָּר לְגַמְרֵי, וְנוֹפֵל רוּחוֹ, וְנֶחֱלַשׁ דַּעְתּוֹ", וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן אוּן עֶר קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט אוּן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, "אֲבָל בָּזֶה שֶׁמַּכְנִיסִים אֶת עַצְמוֹ לְגַמְרֵי בֶּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה בּוֹ יִתְבָּרַךְ, אָז מַצְלִיחִים בְּכָל הָעִנְיָנִים, כִּי אֵינוֹ חוֹנֵף לְשׁוּם בְּרִיָה, וְכֵן אֵינוֹ מִתְיָרֵא מִשּׁוּם בְּרִיָה, וְחַי אֶת הַחַיִּים שֶׁלּוֹ", אָבֶּער אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אִים - אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ, עַיֵּין שָׁם.

דָאס הָאט מוֹהַרְאַ"ש גֶע'חַזֶר'ט מִיט אוּנְז זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז מִיר הָאבְּן קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט - נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**מוֹרָא פוּן מַייז.**
~~~~~~~~~~~

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י׳ אִיָּר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ צוּ מוֹרָא הָאבְּן אוּן זִיךְ עֶקְלֶען פוּן מַייז; מוֹהֲרַ"ש זָאגְט אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן שְׁפְּרִינְגֶען אַוֶועק פוּן אַ מַייז מֶער וִוי פוּן אַן אַנְדֶערֶע בַּעַל חַי אִיז וַוייל דִי בֶּעשֶׁעפֶּענִישׁ קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ לְאַחַר הַפְּטִירָה, זֵיי עֶסְן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אִין קֶבֶר. אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט דִי סִיבָּה, אָבֶּער חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה ג.): "אַף עַל גַּב דְאִיהוּ לָא חָזֵי, מַזְלֵיהּ חָזֵי", דֶער מֶענְטְשׁ פָארְכְט זִיךְ אָן וִויסְן פַארְוָואס.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן חַזֶר זִיךְ אַיין דִי אֱמוּנָה; חַזֶר זִיךְ אַיין אַז "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס". וָואס מֵיינְסְטוּ, וָואס הָאט מוֹהֲרַ"ש גֶעטוּן אַלְץ בָּחוּר וֶוען עֶר פְלֶעגְט גֵיין שְׁפַּאצִירְן אִין וַואלְד אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן חַיוֹת רָעוֹת אוּן פוּן גוֹיִם וְכוּ׳? עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעמַאכְט דֶעם ווּאוּנְדֶערְלִיכְן נִיגוּן: "מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרֵךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם".

מוֹהֲרַ"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין אָנְהֵייבּ, וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיינְס אִין וַואלְד, דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶע׳חַזֶר׳ט דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרֵךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם"; עֶר הָאט דָאס גֶע׳חַזֶר׳ט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם, פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן מַאכְן דִי יֶערְלִיכֶע פַּארְטִי.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן מַאכְן דִי יֶערְלִיכֶע פַּארְטִי פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת; אִיךְ דַאנְק אַייךְ זֵייעֶר פַאר דֶעם אַז אִיר הָאט דָאס יָאר - אַזוֹי וִוי דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן - אַוֶועק גֶעגֶעבְן אַזוֹיפִיל צַייט, כֹּחַ אוּן גֶעזוּנְט אַז דָאס זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה.

אַ גְרִיס פוּן אֵייעֶר חָשׁוּבְ'עֶר זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן פוּן אַייעֶרֶע חָשׁוּבְ'עֶ אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס לֶערְנֶען בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד; אַ גְרִיס פוּן הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט גוּטֶע מִידוֹת אוּן עֶר לֶערְנְט פְלַייסִיג. אוֹיךְ אַ גְרִיס פוּן אֵייעֶר אֵיינִיקְל ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט דִי וָואךְ גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם אוֹיף 'סֵפֶר הַמִּדּוֹת'. עֶר לֶערְנְט יֶעדֶע נַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן דֶעם סֵפֶר הַמִּדּוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען נָאךְ אַלְץ קִינְד, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי (אֵיינֶע פוּן דִי צְוֵויי עֵדִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף תִּיקּוּן הַכְּלָלִי): "מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער חַבֵר, דֶער סֵפֶר הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד".

זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ בַּאגְלִיקְן אוּן דִי זְכוּתִים וָואס אִיר טוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאל אַייךְ צוּרִיק קוּמֶען, אַז אִיר זָאלְט זֶען נַחַת בַּיי אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע בְּרָכָה וָואס אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ, וָואס נָאךְ דַארְף דֶען אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע אוֹיף דִי וֶועלְט מֶער פוּן נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ...

...

~~~~~~~~~~~

**נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה וִוי הֶעלְפְן טַאטֶע מַאמֶע.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**
~~~~~~~~~~~

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז בִּכְלָל דַיין שְׁאֵלָה וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט צִי דוּ זָאלְסְט זָאגְן תְּהִילִים אָדֶער הֶעלְפְן דַיין מַאמֶע? אַוַדַאי זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן דַיין מַאמֶע! עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה וִוי הֶעלְפְן טַאטֶע מַאמֶע. אַז דַיין מַאמֶע בֶּעט דַיין הִילְף זָאלְסְטוּ לוֹיפְן גֶעשְׁוִוינְד אִיר הֶעלְפְן, נִישְׁט בְּלַייבְּן זָאגְן תְּהִילִים אוּן זִיךְ שְׁפִּירְן גוּט אַז מֶען טוּט יֶעצְט אַ גוּטֶע זַאךְ, וַוייל גָארְנִישְׁט שְׁטֵייט הֶעכֶער פוּן הֶעלְפְן אַ מַאמֶע.

...

~~~~~~~~~~~

**תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן דָאקְטוֹרִים.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו אוּן דַיין וַוייבְּ'ס בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז אִיר וַוארְט לְמַזָּל טוֹב אָן קַיין הִילְף פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם; דֶער דָאקְטֶער וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוּן גְלֵייבְּט אַייךְ נִישְׁט אַז אִיר זֶענְט אוֹיפְגֶערָאכְטְן גֶעוָוארְן מִיט דִי גוּטֶע נַייעֶס אָן קַיין שׁוּם הִילְף, נָאר מִיט תְּפִילָה, גוּטֶע מַעֲשִׂים אוּן מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת.

דָאס דַארְף פַארְשְׁטֶערְקֶערְן עֶנְקֶער אֱמוּנָה אִיר זָאלְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט; אִיר זָאלְט זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען אֲפִילוּ וֶוען דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז זֵיי זֶעעֶן נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן א'): "כִּי כְּשֶׁנִּגְאֶלֶת הַתְּפִילָּה, אָז נוֹפְלִים כָּל הָרְפוּאוֹת, כִּי נִתְרַפְּאִין עַל יְדֵי דְּבַר ה'", וֶוען מֶען דַאוְונְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאלְן אַוֶועק אַלֶע רְפוּאוֹת וַוייל מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, "וַאֲזַי כָּל הַדָּאקְטוֹרִים מִתְבַּיְּשִׁין
~~~~~~~~~~~

בָּרְפוּאוֹת שֶׁלָּהֶם", און אַלֶע דָאקְטוֹרִים שֶׁעמֶען זִיךְ מִיט זֵייעֶרֶע רְפוּאוֹת; זֵיי זָאגְן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה און דָא זֶעט מֶען קְלָאר וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה און בֶּעט אִים אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת. רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ - אוֹיף אִידִישׁ, אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ אִים בֶּעטְן וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַנְדֶערְשׁ. מֶען בַּאקוּמְט אַ גֶעפִיל אִין שַׁחְרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב. מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן בַּיים דַאוֶונֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ יֶעדֶעס וָוארְט, דָאס גַאנְצֶע דַאוֶונֶען אִיז גֶעפְלָאכְטְן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת; אֲפִילוּ דִי פְּלֶעצֶער ווּאוּ מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען, אָבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶעג מֶען רֶעדְן ווּאוּ אִימֶער. ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס גֶעווּאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה, וֶועט עֶר הָאבְּן דִי וֶועלְט און יֶענֶע וֶועלְט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעלְט וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשִׁיקְט לְכָבוֹד דִי חֲתוּנָה פוּן מַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן, בִּזְכוּת הֶעלְפְן חָתָן כַּלָה אַז זֵיי זָאלְן קֶענֶען חַתוּנָה הָאבְּן זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן הַצְלָחָה אִין דַיינֶע מַעֲשִׂים, זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים און דַיין וַוייבּ זָאל הָאבְּן אַ שְׁנֶעלֶע רְפוּאָה בְּגוּף וּבְנֶפֶשׁ.

...

~~~~~~~~~~

**נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו מִיט דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה.
~~~~~~~~~~

אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַז וֶוען אִיר זֶענְט גֶעוֶוען בַּיי מִיר מִיט אֵייעֶר מַאן דֶערְצֵיילְן אֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, און אִיךְ הָאבּ אַייךְ דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: "מִיט אֱמוּנָה און תְּפִילָה וֶועט אִיר הָאבְּן נַאטוּרְלִיךְ נָאךְ קִינְדֶער" - הָאט אִיר גֶעלַאכְט פון דֶעם, און יֶעצְט זֶעט אִיר מִיט אֵייעֶרֶע אוֹיגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי וֶוערְטֶער פון דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּעֲנִית ב.): "שְׁלֹשָׁה מַפְתְּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דְרֵיי שְׁלִיסְלֶען אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיינֶע פון דִי דְרֵיי שְׁלִיסְלֶעךְ אִיז "מַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה", דָאס הֵייסְט קִינְדֶער; ווייל אִיךְ אַייךְ זָאגְן אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אַייךְ און אֵייעֶר מַאן אִיז בַּיי מִיר גֶעוֶוען בָּרוּר כַּשֶּׁמֶשׁ אַז אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער. נִישְׁט דֶער דָאקְטֶער גֶעבְּט קִינְדֶער און נִישְׁט דֶער דָאקְטֶער גֶעבְּט לֶעבְּן, נָאר אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען דַארְף אִין דֶעם גְלֵייבְּן אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט דָאס מִיט דִי אוֹיגְן, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

בְּנוֹגֵעַ אֵייעֶרֶע פְּחָדִים וְכוּ'; אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה וֶועט אִיר זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק, ווייל אֱמוּנָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלְסְדִינְג. אַ שָׁאד מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ פַּיינִיגְן מִיט מַחֲלוֹת קָשִׁים וּמָרִים וֶוען עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין פון דֶעם גְרִינְגֶערְהֵייט; דוּרְךְ אֱמוּנָה גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַלֶע דִמְיוֹנוֹת און אַלֶע שְׁרֶעק וְכוּ' וְכוּ'. לֵייגְט אַייךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה וֶועט אִיר זֶען וִוי אַלֶעס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן און אִיר וֶועט לֶעבְּן רוּאִיג און צוּפְרִידְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אַפָּאר אֱמוּנָה וֶוערְטֶער וָואס אִיר זָאלְט זָאגְן יֶעדְן טָאג אוֹיפְן קוֹל פַאר זִיךְ אַלֵיין; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין תְּפִילָה, דָאס אִיז אֱמוּנָה וֶוערְטֶער וָואס אִיר דַארְפְט דָאס חַזֶר'ן צוּ זִיךְ אַלֵיינְס; אִיר זָאלְסְט אַרוֹיס זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוֹיפְן קוֹל און הֶערְן וָואס אִיר רֶעדְט, וֶועט אִיר זֶען אַז בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועט אַוֶועק גֵיין פון אַייךְ אַלֶע שְׁרֶעק און דִמְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ':

"אִיךְ גְלֵייבּ מִיט מַיין גַאנְצֶע אֱמוּנָה אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט מִיר אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און קֵיינֶער קֶען מִיר

גָארְנִישְׁט טוּן; קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא נֶעבְּן מִיר, עֶר הִיט מִיר אוּן גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף מִיר.

אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא; עֶר אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ זֶע אִיז אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְץ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז עֶר אַלֵיין; עֶר גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן, עֶר גֶעבְּט מִיר קִינְדֶער אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף.

עֶס קֶען מִיר גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען; נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְ'ס אוּן נִישְׁט קַיין גוּטְ'ס, נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט עֶס, אוּן אוֹיבּ עֶפֶּעס שְׁטֶערְט מִיר וֶועל אִיךְ אִים בֶּעטְן עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן אוּן עֶר וֶועט מִיר הֶעלְפְן".

דָאס זָאלְט אִיר חַזֶרְ'ן יֶעדְן טָאג אָן אַ שִׁיעוּר מָאל; זָאגְטְס עֶס אוֹיפְן קוֹל אִיר זָאלְט דָאס הֶערְן. דָאס וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען פוּן אַייךְ אַלֶע אֵייעֶרֶע פְּחָדִים אוּן אוּמְזִיסְטִיגֶע שְׁרֶעק.

...

~~~~~~~~~~

אִין קֶעמְפ קֶען מֶען קוּמֶען נָאר מִיט תְּפִלָּה.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגֶא בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

בְּנוֹגֵעַ קֶעמְפ וְכוּ'; מִיר וֵוייסְן נָאךְ גָארְנִישְׁט וֶועגְן קֶעמְפ. אַז דוּ ווִילְסְט קוּמֶען אִין קֶעמְפ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְז מִיר זָאלְן הָאבְּן פְּלַאץ פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ פַארְ'ן זוּמֶער. זָאג פַאר אַלֶע דַיינֶע חַבֶרְ'טֶעס זָאלְן שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן פַאר דִי מוֹסָד מִיר זָאלְן הָאבְּן הַצְלָחָה, וַוייל מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן נָאר מִיט תְּפִילָה וֶועלְן מִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

...

~~~~~~~~~~

**דִי חָכְמָה אִיז וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט אַ חַיוּת צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״א אִיָּיר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, אַ קוּנְץ אִיז צוּ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן.

אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶועזְן אַ חָשׁוּבֿ׳עֶר אִיד וָואס הָאט זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט קַבָּלָה מַעֲשִׂית; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שַׁארְף אַז מֶען טָאר נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם וַוייל מִיר זֶענֶען אַלֶע טְמֵאֵי מֵתִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי אֵפֶר פָּרָה אֲדוּמָה, מִמֵּילָא טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאנוּצְן מִיט דֶעם וַוייל מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אַ סַכָּנָה (עַיֵּין בְּסֵפֶר שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה לְרַבִּי חַיִּים וִיטַאל זַצַ״ל, חֵלֶק ג׳ שַׁעַר ו׳).

לְמַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶועזְן אַ אִיד וָואס הָאט זִיךְ יָא בַּאנוּצְט מִיט דֶעם, אוּן וֶוען חֲסִידִים הָאבְּן דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דֶעם פַאר זֵייעֶר רֶבִּי הָאט יֶענֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים מַאכְן אַ מַשְׁכַּנְתָּא; מֶען זָאל אִים אַרוּם נֶעמֶען מִיט אַ קְלֵייד, צוּבִּינְדְן אוּן אִים גוּט שְׁלָאגְן וְכוּ׳, דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעפָאלְגְט זֵייעֶר רֶבִּי אוּן דֶער אִיד אִיז מַמָּשׁ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עַצְבוּת, מֵאִיגְרָא רָמָא לְבֵירָא עֲמִיקְתָּא, עֶר אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶועזְן בַּיי זִיךְ. דִי מִשְׁפָּחָה זַיינֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן אִים צוּ הֶעלְפְן, זֵיי זֶענֶען אַרוּם גֶעלָאפְן צוּ אַלֶע רַבָּנִים אָבֶּער קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֵייבְּן פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן. וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: ״אַ קוּנְץ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אַ אִיד? אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד״, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת.

דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן סַיי וֶוען עֶס קוּמְט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין קוּנְץ יֶענֶעם צוּ קְלַאפְּן אוּן סַיי וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זִיךְ אִיז נִישְׁט קֵיין קוּנְץ זִיךְ צוּ קְלַאפְּן, דִי חָכְמָה אִיז וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט אַ חַיוּת צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרֶע לִיבֶּער חַבֵר, מִיר הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסֶע רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט נוּצְן דִי עֵצוֹת? הֵייבּ אָן לֶעבְּן, הֵייבּ אָן נוּצְן דִי עֵצוֹת וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן לְטוֹבָה.

הַיינְט נַאכְט וֶועט אִם יִרְצֶה ה' זַיין אַ שִׁיעוּר, אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען. אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיט דִיר וֶוערְטֶער פוּן חִיזוּק, וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן מוֹהֲרַא"שׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ מִלִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט טַייטְשְׁן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, י): "וְהֵם, לֹא יָדְעוּ דְרָכָי", אִין אִידִישׁ רוּפְט מֶען אָן אַ שְׁטוּב - 'הַיים', אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זִיצְט אִין זַיין שְׁטוּב - "וְהֵם", עֶר גֵייט נִישְׁט צוּ אַ צַדִיק, עֶר דְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן - דֶעמָאלְט: "לֹא יָדְעוּ דְרָכָי", וֶועט עֶר נִישְׁט וֶוערְן קֵיין צַדִיק. הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן ר' ... שְׁלִיטָ"א אַז דָאס אִיז דִי נָאמֶען פוּן דִי "בַּייתוּסִים" - אַ לָשׁוֹן פוּן 'בֵּית', פוּן נִישְׁט גֵיין צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן, דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן אַפִּיקוֹרְסִים אוּן צְדוֹקִים.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט שַׁייכוּת מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק שְׁטֶענְדִיג מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער.

אַ גוּטְן טָאג.

...

~~~~~~~~~~

## זָאג תְּהִלִים אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגֶא בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ זָאגְסְט תְּהִלִּים אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין מְסַיֵּם גֶעוֶוען דֶעם דְרִיטְן מָאל סֵפֶר תְּהִילִים; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט דוּרְךְ זָאגְן תְּהִילִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת הִתְנַשְּׂאוּת, סִימָן כז): "עַל-יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים נִתְרוֹמֵם", דוּרְךְ זָאגְן תְּהִילִים וֶוערְט מֶען דֶערְהוֹיבְּן; מֶען וֶוערְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ גוּט לֶעבְּן.

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי טַייטְשׁ פוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּהִילִים; אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהַרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דִי תַּלְמִידִים פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט זֵייעֶר רֶבִּי פַארְוָואס עֶר רֶעדְט אַזוֹיפִיל פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי תְּהִילִים פוּן פָּשׁוּט'עֶ אִידְן, וָואס זֶענֶען זֵיי דֶען - פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִיטְאַמָאל קַיין עִבְרִי טַייטְשׁ?! הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן זִיךְ פַארְמַאכְן זֵייעֶרֶע אוֹיגְן וֶועלְן זֵיי שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין, וֶוען זֵיי הָאבְּן פַארְמַאכְט זֵייעֶרֶע אוֹיגְן הָאבְּן זֵיי פְּלוּצְלִינְג אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הֶערְן אַ שֵׁיינֶע קוֹל פוּן אַ זִיסֶע גֶעזַאנְג ווִי אֵיינֶער זִינְגְט: "אַשְׁרֵי הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא הָלַךְ בַּעֲצַת רְשָׁעִים; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, דֶער פְּרִיץ ווִיל מִיר אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן מַיין דִירָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר רֶענְט", אוּן זֵיי הֶערְן וַוייטֶער ווִי אַ זִיסֶע קוֹל זִינְגְט: "לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד... רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז מַיין קוּ זָאל צוּרִיק אָנְהֵייבְּן גֶעבְּן מִילְךְ, לֶעצְטֶענְס קוּמְט נִישְׁט קַיין מִילְךְ"; זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דִי זִיסֶע קוֹלוֹת וָואס הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט מִיט אַזַא גֶעשְׁמַאק, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעעֶפְנְט זֵייעֶרֶע אוֹיגְן הָאט זֵיי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "יֶעצְט פַארְשְׁטֵייט אִיר שׁוֹין דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן דִי תְּהִילִים פוּן דִי פָּשׁוּט'עֶ אִידְן? אַזוֹי זִיס הֶערְט זִיךְ דָאס אוֹיבְּן אִין הִימְל".

וֶוען דוּ זָאגְסְט תְּהִילִים זָאלְסְטוּ אַרַיין פְלֶעכְטְן דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת; מֶען מֶעג אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אִינְמִיטְן אַ קַאפִּיטְל אוּן אִינְמִיטְן

אַ פָּסוּק, אַזוֹי אוֹיךְ אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען. אַז מֶען פְלֶעכְט אַרַיין דִי אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת בִּשְׁעַת אֲמִירַת תְּהִילִים אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל.

...

~~~~~~~~~~~

**זַיי פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ב אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ גַאנְץ שַׁבָּת זָאלְסְטוּ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זַיין אִידְן אוּן מִיר הִיטְן שַׁבָּת; זָאלְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, נָאר מִיר זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר הָאבְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת. זִינְג בַּיי דִי סְעוּדָה מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה וֶועסְטוּ הָאבְן גְרוֹיס שֶׁפַע.

זוּנְטָאג פַארְנַאכְטְס וֶועט זַיין אַ מְסִיבָּה פַאר אוּנְזֶער כּוֹלֵל הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ אִין מָאנְסִי בַּיי הָאבְּרֶךְ ... נֵרוֹ יָאִיר; גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דִי תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה וָואס וואוֹינֶען אִין מָאנְסִי זֵיי זָאלְן קוּמֶען אַיינְטֵייל נֶעמֶען צוּ הֶעלְפְן אַז דִי יוּנְגֶעלַייט זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען מִתּוֹךְ הַרְחָבָה.

דִי שִׁיעוּר קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועט אִם יִרְצֶה ה' זַיין מִיטְוָואךְ נַאכְט (אַנְשְׁטָאט דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט) צוּזַאמֶען מִיט אַ סְעוּדַת לַ"ג בָּעוֹמֶר, עֶס וֶועט אוֹיךְ זַיין פַאר דִי פְרוֹיעֶן. גֶעוֶוענְלִיךְ מַאכְן מִיר דֶעם שִׁיעוּר לַ"ג בָּעוֹמֶר בַּייטָאג, אָבֶּער דָאס יָאר הָאבְן מִיר אַ חֲתוּנָה, אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה הָאט חֲתוּנָה דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט, דֶערִיבֶּער וֶועלְן מִיר מַאכְן דִי סְעוּדָה מִיטְוָואךְ נַאכְט.

זָאלְסְט הָאבְן אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט מֶען שׁוֹין מִמֵּילָא אַלְצְדִינְג.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ב אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט אַז דֶער עִיקָר זָאל אַ מֶענְטְשׁ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף 'שִׂמְחָה', וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט מֶען שׁוֹין בְּמֵילָא אַלְסְדִינְג. אַ פְרֵיילִיכֶע מֶענְטְשׁ דַארְף גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז מָלֵא שִׂמְחָה מִיט וָואס עֶר הָאט יָא אוּן עֶר קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דָאס וָואס עֶר הָאט יָא. אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ זֶעט מֶען שְׁטֶענְדִיג וָואס מֶען הָאט נִישְׁט; אֲפִילוּ מֶען זָאל הָאבְּן כָּל טוּב רֶעדְט מֶען זִיךְ וַוייטֶער אָפּ אוּן מֶען אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי זָאלְסְט זַיין פַּאזֶעטִיוו אוּן פְרֵיילִיךְ, אִיךְ שִׁיק דִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן. שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גוּטְס; אִיךְ הָאבּ אַזַא טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחָה, אַזַא גוּטֶע טַאטֶע מַאמֶע. שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז יֶעדֶער אִין דִי מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ לֶערְן אִין 'בֵּית פֵּיגָא' - דִי הֵיילִיגֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ סְקוּל וואוּ מֶען לֶערְנְט מִיט מִיר דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל וִויסְן אַז: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס"; מַיינֶע טִיטְשֶׁערְס חַזֶר'ן שְׁטֶענְדִיג מִיט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זֶען דָאס גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר אוּן אִיךְ זָאל אַנֶערְקֶענֶען וִוי רַייךְ אִיךְ בִּין; אִיךְ הָאבּ אוֹיגְן צוּ זֶען, אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן, אַ נָאז צוּ אָטֶעמֶען אוּן שְׁמֶעקְן, אוּן
~~~~~~~~~~~

אַ מוֹיל צוּ עֶסְן אוּן רֶעדְן, גֶעזוּנְטֶע הֶענְט אוּן גֶעזוּנְטֶע פִּיס, וְוי גְלִיקְלִיךְ בִּין אִיךְ! אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר דֶעם אַלֶעס.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, נָאר אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ אוּן אִיךְ זָאל קוּקְן גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם. וֶוען אִיךְ זֶע וְוי מַיין חַבֶר'טֶע הָאט עֶפֶּעס אַ שֵׁיינֶע קְלֵייד זָאל אִיךְ מִיר פְרֵייעֶן פַּאר אִיר, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אִיךְ זֶע אַז מַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז מַצְלִיחַ זָאל אִיךְ מִיר פְרֵייעֶן פַּאר אִיר אוּן אִיךְ זָאל אִיר פַּארְגִינֶען. אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעם אַרוֹיס פוּן מִיר מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת וָואס לִיגְט אִין מִיר; פַּארְוָואס בַּאדֶערְט מִיר וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַּאר אַ צְוֵוייטְן? פַּארְוָואס מַאךְ אִיךְ אַוֶועק וֶוען מַיין שְׁוֶועסְטֶער זָאגְט עֶפֶּעס? פַּארְוָואס לַאךְ אִיךְ פוּן מַיין חַבֶר'טֶע? הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זַיין פַּאזֶעטִיווּ".

אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף שִׂמְחָה וֶועסְטוּ זַיין דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן אַ מְלַמֵד.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ב אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָה צוּ זַיין אַ מְלַמֵד פַּאר תִּינוֹקֶת שֶׁל בֵּית רַבָּן; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וְוי אַ מְלַמֵד פַּאר תִּינוֹקֶת שֶׁל בֵּית רַבָּן, דֶער וָואס לֶערְנְט מִיט דִי רֵיינֶע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.
~~~~~~~~~~~

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן פַאר דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵינוּ זֶענֶען דִי מְלַמְּדִים דִי גְרֶעסְטֶע מְחוּתָּנִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד) אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַּאר דִי אִידְן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן דִי אִידְן: "הָבִיאוּ לִי עֲרֵבִים טוֹבִים שֶׁתִּשְׁמְרוּהָ", בְּרֶענְגְטְס מִיר אַ גַארַאנְטִי אַז אִיר וֶועט הִיטְן דִי תּוֹרָה, הָאבְּן דִי אִידְן פְּרוּבִּירְט צוּ בְּרֶענְגֶען אַסַאךְ עֲרֵבִים, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אַלֶעמֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עָרֵבְךָ צָרִיךְ עָרֵב", דֶער עָרֵב אַלֵיינְס דַארְף אוֹיךְ אַ גַארַאנְטִי, בִּיז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזָאגְט: "בָּנֵינוּ עוֹרְבִים אוֹתָנוּ", אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען אוּנְזֶערֶע גַארַאנְטִיס אַז מִיר וֶועלְן הַאלְטְן דִי תּוֹרָה, "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, הָא וַדַּאי עֲרֵבִים טוֹבִים", הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעזָאגְט דָאס זֶענֶען גוּטֶע הַאפְטְן, "עַל יְדֵיהֶם אֶתְּנֶנָּה לָכֶם", בִּזְכוּת דֶעם וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה מִיט דִי קִינְדֶער גֶעבּ אִיךְ אַייךְ דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ח, ג): "מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז", זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶער תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י"ב אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער פַאר דִי מַתָּנָה וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען. דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ חָתָן מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת, אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן אַ בַּעַל מִידוֹת. נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַזַא טֵייעֶרֶע חָתָן, דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אוּן וִוי מֶער
~~~~~~~~~~

דו וֶועסְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן מִיט דִיר נָאךְ גוּטְס.

בְּנוֹגֵעַ דַיין הָאר אוֹיף נָאךְ דִי חֲתוּנָה; נֶעם דִיר דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" - דִי אִידִישֶׁע חֲלָקִים און גֵיי אַרִיבֶּער בְּרִיוו נָאךְ בְּרִיוו וֶועסְטוּ דָארְט זֶען ווִי שְׁטַארְק מוֹהֲרָא"ש וֵויינְט און בֶּעט זִיךְ צוּ אַלֶע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אִינְגַאנְצְן זֵייעֶר הָאר; וֶוען דו וֶועסְט לֶערְנֶען דִי בְּרִיוו וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט צְוֵוייפְלֶען וָואס צוּ טוּן נָאר דו וֶועסְט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן בְּשִׂמְחָה רַבָּה, דו וֶועסְט זִיךְ שְׁפִּירְן גְלִיקְלִיךְ אַז דו קֶענְסְט טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי שְׂכַר פוּן אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִיר הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס זֶען אֲפִילוּ אִין שְׁטוּב. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יוֹמָא מז.): "שִׁבְעָה בָּנִים הָיוּ לָהּ לְקִמְחִית", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וָואס הָאט גֶעהֵייסְן קִמְחִית און זִי הָאט גֶעהַאט זִיבְּן קִינְדֶער, "וְכֻלָּן שִׁמְּשׁוּ בִּכְהוּנָּה גְדוֹלָה", וָואס אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען כֹּהֲנִים גְדוֹלִים. "אָמְרוּ לָהּ חֲכָמִים: מַה עָשִׂיתְ שֶׁזָּכִיתָ לְכַךְ?" הָאבְּן דִי חֲכָמִים אִיר גֶעפְרֶעגְט: וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דו הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, "אָמְרָה לָהֶם: מִיָּמַי לֹא רָאוּ קוֹרוֹת בֵּיתִי קַלְעֵי שַׂעֲרִי", הָאט זִי גֶעזָאגְט פַאר דִי חֲכָמִים: אִיךְ הָאב אֵייבִּיג אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז דִי וֶוענְט און דִי דַאךְ פוּן מַיין הוֹיז זָאלְן נִישְׁט זֶען מַיינֶע הָאר.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען אַ פְרוֹי גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעדֶעקְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה, דִי צְוֵוייטֶע נַאכְט צִי דִי דְרִיטֶע נַאכְט - וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

דַיין חָתָן דַארְף נִישְׁט דַיין הָאר, דַיין חָתָן ווִיל פִירְן דִי שְׁטוּב אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, עֶר דַארְף דִיר אַלֵיין וד"ל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~